בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

תזריע-מצורע




## מ'מעג גיין מיט א צודעק איפן מויל

### "טמא הוא" - אפגעשלאסן פון דער סביבה

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה "**כל ימי אשר הנגע בו יטמא, טמא הוא, בדד ישב מחוץ למחנה מושבו**" - אלע טעג וואס די נגע איז אין אים, זאל ער זיין טמא, טמא איז ער, אליין זאל ער זיצן, אויסער דעם לאגער פון זיין זיצונג. (ויקרא יג, מו)

לערנענדיג דעם פסוק, באמערקן מיר גלייך ווי דער פסוק חזר'ט איבער צוויי מאל דעם "טמא"-מצב פונעם מצורע: "ער זאל זיין טמא, טמא איז ער".

מיר וועלן דאס ערקלערן אזוי: דער שורש פון די ווארט טמא איז "טם" וואס ווייזט אויף עפעס וואס איז "אפגעשלאסן". דאס איז דער באדייט פונעם ווארט "טומאה", און דאס דער יסוד וואס ליגט אונטער אלע הלכות פון טומאה. ווען מיר טרעפן ערגעץ דערמאנט טומאה, דארפן מיר פארשטיין אז עס איז א באפעל פון השי"ת, אונז אויסצולערנען, וועלכע זאך עס דארף ווערן אויסגעמיטן און דערווייטערט.

דאס זאגט אונז דער פסוק: אלע טעג וואס די נגע איז אין אים, זאל ער זיין טמא. דאס ערשטע ווארט "טמא" וואס ווערט דערמאנט אין פסוק רעדט פונעם מצורע'ס **מצב** פון טומאה: ער איז אן אב הטומאה. דאס איז א ידיעה, א טעכנישער פרט וואס די תורה לערנט אונז - דער הלכה'דיגער יסוד, אז דער מענטש איז טמא, און ער מאכט טמא אלץ וואס קומט מיט אים אין בארירונג.

דאס צווייטע מאל וואס עס ווערט דערמאנט "טמא" - "טמא הוא" - איז אן ערקלערונג, **פארוואס** די טומאה רוהט אויף אים, אזוי ווי עס וואלט געשטאנען, "ער איז טמא - **ווייל** השי"ת וויל אז ער זאל זיין טמא, ד.ה. אויסגעמיטן און דערווייטערט פון מענטשן, **אפגעשלאסן** פון דער ארומיגער סביבה."

### די צרעת - א נס

**מיר** דארפן דאס פארשטיין: מיר רעדן דאך דא פון א פרומען איד, א טאטע, א מאן, א געטרייער עובד ה', וועלכער לייגט תפילין און דאווענט דריי מאל א טאג מיט מנין. ער פירט א כשר'ע קיך, און זיינע קינדער

זענען אלע פרומע אינגלעך און מיידלעך. ער איז "אחד משלנו".

דאך - איין שיינעם פרימארגן, וועקט ער זיך אויף מיט א נגע. יעצט מוז ער גיין אויף וואקאציע, פארלאזן זיין משפחה און פריינט, זיך לאזן אין וועג אריין אויסער די מויערן פון שטאט און וואוינען דארט איינער אליין. אונזער פריינט, א היימישער איד, איז יעצט טמא, אפגעשלאסן פון דער גאנצער מענטשהייט. "בדד ישב" - ער דארף זיצן אפגעזונדערט; אפילו אנדערע טמאים דארפן אויסמיידן זיין געזעלשאפט (רש"י).

זיצט זיך אונזער באקאנטער איד איינער אליין אויסער דער שטאט, און דארט וועט ער בלייבן זיצן ביז די נגע וועט זיך אויסהיילן. ער וועט נישט קענען זיצן ביי די שבת-סעודות צוזאמען מיט זיין משפחה. מעגליך, אז ער וועט אפילו מוזן פראווען די סדר-נאכט איינגאנצן אליין!

און דאס איז נישט גלאט א צופעליגער אינצידענט. דער רמב"ם זאגט, אז צרעת איז נישט קיין נאטירליכער סארט אויסשלאג; עס איז אן ערשיינונג שלא כדרך הטבע. "צרעת איז איינער פון די נסים וואס השי"ת האט געטון צו זיין פאלק," זאגט דער רמב"ם אין מורה נבוכים. און דאס איז די סיבה פארוואס א גוי קען נישט ווערן טמא מיט צרעת (נגעים ג, א).

השי"ת מאכט א נס און ער שיקט אויף א איד א צרעת, און דער איד מוז ווערן אפגעזונדערט. נישט ווייל די צרעת איז אנשטעקיג, אדער ווייל ער קען מטמא זיין אנדערע, נאר ווייל השי"ת וויל אז ער זאל זיין אפגעשלאסן פון מענטשן. ער דארף פארלאזן די מחנה, זיך אפזונדערן פון דער סביבה און וואוינען אליין מחוץ לעיר.

## ווי אזוי נישט צו ניצן די צונג

**ווייל** דער מצורע איז אייגנטליך א מסוכנ'דיגער מענטש. ער זעט אפשר אויס צו זיין זייער א פרומער איד, אבער די גמרא זאגט (ערכין טו:) "**כל המספר לשון הרע נגעים באים עליו**", אז א מענטש רעדט לשון הרע, ער ניצט זיין מויל נישט ווי מען דארף, ווערט ער באשטראפט און עס קומען אויף אים נגעים.

דער מענטש האט שלעכט אויסגענוצט די מתנה פון מענטשליכער חבר'שאפט. בשעת ער איז געווען געזונט, איז ער ארומגעזיצן מיט חברים און האט געלאזט זיין מויל פריי - און אפילו אויב ער האט נישט דווקא אפגעשפעט און אוועקגעמאכט אנדערע מענטשן, נאר ער האט גערעדט סתם דברים בטלים, האט ער אויך געמאכט דערמיט א שלעכטן באנוץ מיט זיין צונג.

אין יענע גרויסע צייטן פון נבואה, האט דער נגע צרעת גערעדט צום דאזיגן מענטש דעם דבר ה': "ער זאל זיין טמא, אפגעשלאסן פון מענטשן און דערווייטערט". ער וועט וואוינען אליין ערגעץ, וואו ער וועט נישט האבן מיט וועמען צו צו שמועסן. יעצט וועט ער אנהייבן פארשטיין ווי אזוי א מענטש דארף ניצן די צונג. ער וועט זיך אויסלערנען, אז דער ריכטיגער וועג צו ניצן די צונג איז בעיקר - עס **נישט** צו ניצן.

**דער** רמב"ם ערקלערט אונז דאס (רמב"ם הל' דעות ב, ד): "**לעולם ירבה אדם בשתיקה**", אלעמאל זאל דער מענטש **פראדוצירן** פיל שווייגעניש. הערט איר? איר דארפט פראדוצירן שווייגעניש, וויפיל עס איז נאר מעגליך.

שטעלט אייך פאר, איר פראדוצירט סחורה פאר א צוועק; לאמיר זאגן, איר מאכט ציין-בערשטלעך, אדער איר זענט א שניידער און נייט אויף אנצוגן, אד"ג. דארפט איר האלטן חשבון: וויפיל שטיק האב איך פראדוצירט היינט? האב איך היינט מצליח געווען מער ווי נעכטן? וואס קען איך טון מארגן אנדערש אין דער פאבריק, צו פראדוצירן מער ציין-בערשטלעך?

דאס זעלבע איז אויך מיט שווייגעניש. א מענטש דארף אלעמאל **פראדוצירן** שווייגעניש אויף דער וועלט. איר דארפט טראכטן: וויפיל שווייגעניש האב איך היינט פראדוצירט? און דאס ווערט גערעכנט אלס עבודת השי"ת: "**לך דומיה תהלה**", צו דיר, השי"ת, איז שווייגעניש א לויב (תהלים סה, ב).

דאס איז אן אינטערעסאנטע דערהער, ווייל געווענליך פארשטייען מיר, אז לויבן הייסט זאגן "הללוקה", מאכן ברכות, זאגן אשרי, הודו, מודים - דערמיט לויבן מיר השי"ת, און דא ווערן מיר געוואויער, אז דער ריכטיגער וועג צו לויבן השי"ת איז זיך צו **האלטן שטיל**. פראדוצירן שווייגעניש איז א לעבנס-קאַריערע פון לויבן השי"ת. דאס פארלאנגט פון אונז א פאסיגע ערקלערונג.

## א פראדוקציע פון שווייגעניש

**און** וואו איז דען דא א בעסערער מקור זיך צו ווענדן, ווי דער חכם מכל אדם, שלמה המלך ע"ה, וואס ער זאגט אונז אין קהלת (ה, א): "**אל תבהל על פיך**", אייל זיך נישט מיט'ן מויל, "**ולבך אל ימהר להוציא דבר לפני ה'**", און דיין הארץ, דיין מח, זאל נישט זיין אין געיעג צו זאגן עפעס פאר השי"ת. ווען איר זיצט ביים טיש מיט אייער משפחה, אדער אייערע חברים, איז השי"ת דארט. איז האלט אייך שטיל!

## אויב דער פרעזידענט וואלט דא געווען

"**כי אלקים בשמים ואתה על הארץ**", ווייל השי"ת איז אין הימל, און דו ביסט אויף דער ערד. אה, יעצט קומט אריין נאך עפעס אין בילד: "אלקים"! השי"ת איז אין הימל, ער איז העכער דיר, ער קוקט אראפ אויף דיר; און דו ביסט אונטן אויף דער ערד. "**על כן יהיו דבריך מעטים**", דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג.

אז א מענטש עפנט דאס מויל, און די ווערטער גיסן זיך ארויס פון אים אן קיין איינגעהאלטנקייט, הייסט דאס אז ער איז נישט מרגיש ווי ער געפינט זיך ארום איינעם בכלל. אויב דער מעיאר, אדער דער פרעזידענט פון אמעריקע, וואלט געשטאנען דא פאר אייך, וואלט איר נישט גערעדט צופיל; אמת, אן אמעריקאנער פרעזידענט איז נישט אזא וויכטיגע פערזענליכקייט היינט ווי א קעניג, למשל, אבער נאך אלץ וואלט איר נישט גערעדט איבעריג אין זיין קעגנווארט. אוודאי וואלט איר נישט געפלוידערט גלאט אין דער וועלט אריין.

## שטיל - איר שטייט דאך פאר'ן רבי'ן

**לאמיר** זאגן, אז איר רעדט יעצט, להבדיל אלף הבדלות, מיט א גדול הדור; הרב ש"ך (זצ"ל), רבי משה פיינשטיין (זצ"ל), אדער אנדערע גדולים - וואלט איר גערעדט וואס און וויפיל עס לאזט זיך? אויב איר האט נאר אביסל שכל, וואלט איר נישט ארויסגערעדט קיין ווארט!

שטעלט אייך פאר, איר שטייט פאר'ן סאטמארער רב (זצ"ל), און איינער קומט צו און זאגט אייך, "א גוטן, חיים! וויפיל אזייגער איז יעצט?" וואלט איר געענטפערט, "עס איז דריי אזייגער"?! ניין, איר וואלט געבליבן שטיל; איר שטייט דאך יעצט פאר'ן רבי'ן! איז לאזט דעם רבי'ן רעדן, און איר בלייבט שטיל. "**חכם אינו מדבר בפני גדול ממנו**" - א חכם עפנט נישט דאס מויל ווען ער שטייט פאר איינעם וואס איז גרעסער פון אים (אבות ה, ז).

ווען איר האלט דאס מויל פארמאכט, ווייזט איר דערמיט אז איר שטייט פאר השי"ת. דאס ווייזט, אז איר שפירט דעם קרבת אלקים, און אז אויב איר וואלט נישט גערעדט אין דער אנוועזנהייט פון א וויכטיגער פערזענליכקייט, עפנט איר אוודאי נישט דאס מויל אין קעגנווארט פון "אלקים בשמים", השי"ת וואס ער געפינט זיך שטענדיג איבעראל. איר האלט זיך שטיל - כאטש אזוי שטיל ווי אין קעגנווארט פונעם פרעזידענט - כאטש אזויפיל! אויב איר היט זיך אבער נישט דאס מויל, קען דאס אויסזען ווי איר גלייבט ח"ו אינעם פרעזידענט מער ווי אין השי"ת.

## דער מענטש מיט'ן פארדעקטן מויל

**צוריק** צו אונזער פרשה. פארשטייען מיר שוין יעצט, פארוואס דער פרומער איד וואס איז געווארן א מצורע, איז דערווייטערט פון השי"ת און ווערט ארויסגעשיקט צו א לעבן פון איינזאמקייט. אז ער איילט זיך צו רעדן און טראכט נישט פאר ער זאגט עפעס ארויס פון מויל, דארף ער ארויסגעשיקט ווערן צו א פלאץ, וואו ער וועט האבן צייט צו טראכטן פון דעם וויכטיגן יסוד פון "אלקים בשמים".

דער מצורע האט געמוזט פארדעקן דאס מויל, האט איר געוואוסט? ס'איז אן אפענער פסוק: "**ועל שפם יעטה**", ער האט געדארפט אנטון זיין מאנטל, אויף אזא וועג אז עס זאל אים צודעקן דאס מויל. פארוואס? ווייל דערמיט האט ער אויסגערופן צו דער וועלט דעם דאזיגן אויבנדערמאנטן יסוד; א חלק פון זיין כפרה איז געווען, אז ער זאל ארומגיין אנגעטון אויף אן אינטערעסאנטן וועג, און ער האט זיך געדארפט לאזן הערן: "**טמא טמא יקרא**". אויף יעדן ארט וואו ער איז געגאנגען, האט ער געמוזט פראקלאמירן צו יעדן איינעם אז ער איז "טמא".

גייט ארום א מענטש, איבערגעדעקט מיט'ן מאנטל איבער'ן גאנצן מויל און א האלבן פנים, און אין א געשטיקטן קול שרייט ער אויס: "איך בין טמא, איך בין טמא!" דאס איז געווען א מאדנע בילד צו זען, און יעדער איינער וואס האט אים געזען, האט זיך געוואונדערט וואס איז פאסירט. ער איז אזוי ארומגעגאנגען אויפן מצב צום הארצן און אריינגעטראכט, אז בעסער זאל ער זיך באשעפטיגן מיט'ן פארדעקן דאס מויל, איידער די נגע קומט אן אויף צו אים. אזוי האבן מיר פארדינט אסאך, זעענדיג דעם מצורע ארומגיין מיט'ן פארדעקטן מויל.

## ווער זאגט אז איר מוזט ענטפערן?

**מיר** לערנען ארויס פון דעם אלעם, אז נישט קיין חילוק ווי פרום א מענטש איז, דארף ער אבער האבן א הרגשה, אן אמונה חושית, אז ער שטייט פאר השי"ת, און דערפאר זאל ער זיך איינהאלטן פון רעדן. לאמיר זאגן, איר זענט א דורכשניטליכער איד וואס האט קיינמאל נישט געארבעט אויף אזעלכע השגות, און איר זענט נישט גענוג מרגיש דעם קרבת אלקים. איר ווילט אבער אנקומען דערצו, און איר שטרעבט צו זיין א מאמין בה' - אוודאי וועט איר נישט זאגן אז עס פעלט אייך אין אמונה ח"ו; אבער אזויפיל וועט איר מודה זיין, אז איר האט נאכנישט די ריכטיגע הרגשה צו שפירן די גאנצע צייט אז איר געפינט זיך פאר השי"ת - און דערפאר הייבט איר אן ארבעטן אויף זיך און איינגעוואוינען זיך צו האלטן דאס מויל פארמאכט; און אויב איר ווילט יא עפעס רעדן, וועט איר געדענקען "**כי אלקים בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מעטים**", השי"ת הערט זיך צו, און דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג. צוביסלעך, צוביסלעך, וועט איר אזוי ארום אריינברענגען אין אייער נשמה די אנערקענונג פון אט-דעם געוואלדיגן יסוד, און איר וועט אנקומען צו יראת שמים.

געדענקט: ווען איינער קומט צו צו אייך און מאכט א באמערקונג, דארפט איר זיך נישט איילן צו ענטפערן. איר ווילט עפעס שמועסן, איר האט א וויץ צו זאגן, אדער א ווארט יענעם אפצוענטפערן, עס ווילט זיך אייך עפעס רעדן - "ניין, כ'וועל עס נישט זאגן - ווייל השי"ת געפינט זיך דא פאר מיר." נישט אלעמאל מוזט איר בכלל ענטפערן. אז איינער זאגט אייך עפעס, מוזט איר דען עפעס צוריקזאגן? לאמיר זאגן, א קו מאכט "מו..." מוזט איר צוריקמאכן "מו"? אז א הונט בילט ווען איר גייט אדורך, דארפט איר צוריקבילן? אז איינער רעדט צו אייך - אויב עס איז נישט נויטיג, מוזט איר גארנישט ענטפערן. איר קענט זיך צוהערן; ווער זאגט אז איר מוזט ענטפערן?

## געדענקט: השי"ת איז דא און הערט וואס איר רעדט

**און** אויב איר מוזט יא ענטפערן - אמאל איז דא וואס מען דארף עפעס זאגן - זאלט איר ציילן די ווערטער. עס זענען דא מענטשן וואס זענען אזוי ווי א סינק, זיי גיסן ארויס אלץ וואס זיי האבן אין זיך אינעווייניג; דאס גאנצע פוסטקייט פון זייער מח גיסט זיך ארויס. דאס ווייזט, אז זיי זענען מסיח דעת פון השי"ת. דער מענטש מוז אלעמאל געדענקען, אז השי"ת הערט זיך צו צו זיינע רייד.

ווען איר האלט דאס מויל פארמאכט, און אייערע רייד זענען ווייניג ווען איר מוזט יא רעדן, ווייזט דאס אז איר האט אמונה און איר גלייבט אז השי"ת געפינט זיך איבעראל און הערט וואס איר רעדט. אויב איר עפנט אבער דאס מויל און רעדט אן אפהאלט, ווייזט דאס אז איר זענט א פרייער פויגל און האט נישט קיין אמונה ח"ו, ווייל אמונה אין השי"ת איז מחייב זיך צו האלטן שטיל. נאך אלעם, שטייט דאך השי"ת דא, און ער הערט אלץ וואס מיר רעדן.

# די צייט צו טון איז שוין יעצט

## שאלה:

**איר זאגט אפט, אז מיר מוזן אויסניצן די געלעגנהייט אויף דער וועלט כדי צו דערגרייכן שלימות, ווייל מיר האבן בלויז איין שאנס. מיר גלייבן דאך אבער אין גלגולים?**

## תשובה:

**מיר** רעדן פון "איין שאנס", ווייל דאס איז דער שאנס וואס איר האט יעצט מצליח צו זיין. וואס עס שטייט איבעראל וועגן גלגול נשמות איז, אז איר זאלט אינגאנצן נישט ארויסקוקן דערויף, איר זאלט נישט דארפן אנקומען דערצו.

**עס** וואלט געווען זייער אן אומבא'טעמ'טע זאך צו דארפן אראפקומען נאכאמאל אויף דער וועלט. דערפאר וויל איך נישט רעדן צו אייך דערפון, און איך האב קיינמאל נישט גערעדט דערפון.

"**היום** לעשותם!" היינט איז די צייט צו טון. פארלאזט זיך נישט אויף עפעס אנדערש. פארלאזט זיך נישט אויף מארגן, אדער אויף איבערמארגן. די דאזיגע וועלט איז אייער איינציגער שאנס.

"**היום לעשותם - למחר לקבל שכרם**", מארגן איז די צייט צו באקומען שכר (עירובין כב.), אבער די צייט צו טון איז שוין יעצט. ס'איז אייער איינציגער שאנס, איז לאזט עס נישט פארפאלן ווערן.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"